**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 64.1 מיליאן דאלאר געשאנקען געווארן דורך 'ברענג צוריק ניו יארקע קאמיוניטיס' אינציאטיוו**

***43 פראיעקטן אריבער ניין ראיאנען וועלן שטיצן באמיאונגען צו אוועקנעמען חורבות, אויפטרייבן נייע אינוועסטירונגען און מוטיגן אויפלעבונג פון קאמיוניטי***

***פראיעקטן שטופן פאראויס גאווערנער'ס פריאריטעטן דורכן פארמערן די צאל אווייַלעבעל הייזער און אויפטרייבן נייע אינוועסטירונגען אין עקאנאמישע און קאמיוניטי וואוקס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 64.1 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן פאר 43 פראיעקטן דורך די 'ברענג צוריק ניו יארקע קאמיוניטיס' אינציאטיוו ( Restore New York Communities Initiative). 'ברענג צוריק ניו יארק' שטיצט אויפלעבונג אונטערנעמונגען פון לאקאלע רעגירונגען גיבנדיג געלטער צו העלפן אוועקנעמען חרוב'ע סטרוקטורן, אריינבלאזן א פרישע חיות אין קאמיוניטיס און אויפטרייבן נייע וואוינונג און עקאנאמישע געלעגנהייטן אריבער די סטעיט. דער פראגראם, וואס ווערט אנגעפירט דורך עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט, איז אויסגעשטעלט צו העלפן לאקאלע רעגירונגען מוטיגן נייע ביזנעס אינוועסטירונגען דורך קאמיוניטי אויפלעבונג, פארגרעסערן די צאל פון לאקאלע הייזער און צוריק ארויפברענגען פּראפּערטיס אויף די שטייער ליסטעס צו פארגרעסערן די לאקאלע שטייער באזע.

"אויפלעבן און איבערבויען פארלאזטע און חרוב'ע געגנטער אין אונזערע קאמיוניטיס ברענגט נייע ענערגיע און אינוועסטירונגען וואס שטיצן לאקאלע און ראיאנישע וואוקס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "'ברענג צוריק ניו יארק' העלפט אונזערע לאקאלע רעגירונגען פלאנירן פאר די צוקונפט דורכן אונטערטרייבן עקאנאמישע וואוקס און שטיצן האוזינג, ביזנעסער און קולטורישע פלעצער. מיר טוהען ווייטער אויפשפארן די פאטענציאל פון די לאקאציעס און קאמיוניטיס אריבער ניו יארק."

אזוי ווי גאווערנער האקול האט שוין אנאנסירט בעפאר, איז אלבאני קאונטי געשאנקען געווארן א 10 מיליאן דאלארדיגע סומע פאר א ספּעציעלער פראיעקט צו שטיצן די זיכערע צעווארפונג פון די Albany Central Warehouse, א גרויסע חרוב'ע סטרוקטור אויפן זייט פון די I-787 אין אלבאני. די Central Warehouse וואס שטייט שוין פון לאנג ליידיג איז איינס פון די ערשטע מערקווירדיגע זאכן וואס ווערן געזעהן ביים אריינפארן אין דעם הויפטשטאט ראיאן, און די אוועקנעמונג דערפון וועט מוטיגן נייע אינוועסטירונגען און איבערבויאונג פון די פלאץ אין א געגנט וואס זעהט הויכע וואוקס.

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טוט ניו יארק סטעיט בויען פאר די צוקונפט דורכן שטיצן פראיעקטן וואס רוקן פאראויס סטעיט-ברייטע פריאריטעטן ווי פארמערן האוזינג און אויפלעבן קאמיוניטיס. דורך די 'ברענג צוריק ניו יארקע קאמיוניטיס' אינציאטיוו, ארבעטן מיר צוזאמען מיט לאקאלע

רעגירונגען צו אוועקנעמען חורבות און אויפטרייבן נייע אינוועסטירונגען צו שטופן פאר שטאנדהאפטיגע עקאנאמישע וואוקס."

מערקווירדיגע פראיעקטן פון יעדן ראיאן זענען אויסגערעכנט אונטן. זעהט א פולע ליסטע פון פראיעקטן וואס באקומען פינאנצירונג דא.

דער **הויפטשטאט ראיאן** איז געשאנקען געווארן 16 מיליאן דאלאר צו שטיצן זעקס פראיעקטן, אריינרעכנענדיג:

- **די סיטי אָוו אלבאני** איז געשאנקען געווארן 1.75 מיליאן דאלאר צו איבערמאכן 28,000 סקווער פיס פון ליידיגע געביידעס און לאנד אויף 120 Madison Avenue און אויף 135 South Pearl Street צו ווערן א דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע צוועקן. די פלאן רעכנט אריין 7,500 סקווער פיס פאר ביזנעס און 35 וואוינונג יוניטס, אריינרעכנענדיג 18 יוניטס אוועקגעלייגט אלס אפאָרדעבעל האוזינג פאר הייזער וואס פארדינען צווישן 50 און 80 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט.
- **די סיטי אָוו רענסעליער** איז געשאנקען געווארן 1.2 מיליאן דאלאר צו איבערבויען א ליידיגע טעקסטיל פאבריק אויף Green Street אין א באוואוינטע טייל פון די שטאט-צענטער אין רענסעליער. דער פראיעקט רעכנט אריין דאס איבערטוישן די געוועזענע Harder וואל פאבריק וואס שטייט שוין ליידיג זינט די 1980'ער יארן צו ווערן 32 אפארטמענטס פאר געהעריגע ראטעס מיט פארבינדענע מיטגעטיילטע פלעצער, איינריכטונגען, פארקינג און לענדסקעיפינג פאר די טענאנטס.

**צענטראל ניו יארק** איז געשאנענע געווארן מער פון 6 מיליאן דאלאר צו שטיצן פינף פראיעקטן, אריינרעכנענדיג:

- **די סיטי אָוו אויבורן** איז געשאנקען געווארן 1 מיליאן דאלאר צו שטיצן די אויפרעכטונג און איבערבויאונג פון א ליידיגע געביידע אויף 120 Genesee Street פאר ביזנעס און וואוינונג רענטעלס. די ערשטע און צווייטע שטאק וועלן פארדינגען ווערן פאר ביזנעסער און די דריטע ביז זעקסטע שטאק וועלן איבערגעבויט ווערן צו אקאמאדירן א געשאצטע 20 וואוינונג רענטעל יוניטס. אנדערע טיילן פון די זעקס-שטאקיגע געביידע וועלן איבערגעבויט ווערן צו צופאסן סטרוקטורישע און שיינקייט סטאנדארטן פאר צוקונפטיגע באנוץ און צו שטיצן אויפלעבונג באמיאונגען אין די ארומיגע שטאט-צענטער געגנט.
- **די סיטי אָוו סירעקיוס** איז געשאנקען געווארן 1.55 מיליאן דאלאר צו אוועקנעמען ביז צוויי חרוב'ע פראפערטיס אויף Warren Street וועלכע זענען פארקינג גאראזשן וואס זענען ארויסגענומען געווארן פון באנוץ צוליב סטרוקטורישע שוואכקייטן. דער פראיעקט וועט איינשפאנען מער פון 100 מיליאן דאלאר אין נייע אינוועסטירונג אין סך הכל, עס וועט פארבעסערן 300,000 סקווער פיס פון נישט אויסגענוצטע ביזנעס פלאץ, אויפטרייבן נאך עקאנאמישע אקטיוויטעט און אזוי אויך קאנסטרוקציע וואס וועט שטיצן צוטריט צו נייע אפאָרדעבעל האוזינג אינערהאלב דעם ראיאן'ס פירנדע באשעפטיגונג צענטער.

**די פינגער לעיקס** איז געשאנקען געווארן 6 מיליאן דאלאר צו שטיצן פיר פראיעקטן, אריינרעכנענדיג:

- **די סיטי אָוו ראטשעסטער** איז געשאנקען געווארן 2 מיליאן דאלאר צו רענאווירן 65-67 Chestnut Street, א ליידיגע סטרוקטור אין פריוואטע אייגנטום וואס שטייט אויף די מזרח זייט פון Center City. די פראפערטי געפונט זיך נעבן אנדערע וועלכע זענען רענאווירט געווארן אין די פארגאנגענע 10 ביז 15 יאר אדער וועלכע וועלן בקרוב רענאווירט ווערן. די געביידעס וועלן אויפגעראכטן ווערן צו שאפן 85 אפארטמענטס פאר אפאָרדעבעל און געהעריגע ראטעס. אין צוגאב וועלן די ערשטע צוויי שטאק האבן 9,900 סקווער פיס פון אפיס פלאץ. די געביידע רענאוואציעס און זייער צוריקקער צו זיין פולשטענדיג פארנומען וועלן ביישטייערן צו די אנגייענע אויפלעבונג פון די שטאטישע געגנט.
- **די ווילעדזש אָוו נוּארק** איז געשאנקען געווארן 1 מיליאן דאלאר צו שטיצן די ארבעט צו צופאסן 158,000 סקווער פיס פון א ליידיגע היסטארישע פראפערטי אין די הארץ פון נוּארק'ס שטאט-צענטער פאר נייע באנוץ. אלס טייל פון די ווילעדזש'ס שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו, וועט די איבערבויאונג אויפלעבן א גרויסע ליידיגע געביידע און אריינרעכענען 101 אפארטמענטס, גיבנדיג מער האוזינג אפציעס פאר מענטשן און פאמיליעס וועלכע ווילן וואוינען און ארבעטן אין די ווילעדזש.

**לאנג איילענד** איז געשאנקען געווארן 6 מיליאן דאלאר צו שטיצן דריי פראיעקטן, אריינרעכענענדיג:

- **די טאון אָוו ברוּקהעיווען** איז געשאנקען געווארן 2 מיליאן דאלאר צו איבערבויען 35 ליידיגע און פארלאזטע שטחים אויף Neighborhood Road אין די מעסטיק ביטש שטעטל. די מייסטער פלאן פון די דעוועלאפער שלאגט פאר צו בויען צוויי געביידעס פאר אויסגעמישטע צוועקן, אריינרעכענענדיג אומגעפער 500 וואוינונג יוּניטס אין א געביידע פאר מערערע פאמיליעס צוגעשטעלט פאר קאַנדאָו היים אייגנטומערשאפט מיט 15 פראצענט זייענדיג אפאָרדעבעל האוזינג, פלאץ פאר ריטעיל געשעפטן און אומגעפער 750 אריינגעבויטע פארקינג פלעצער אריבער די 37.8-אקער-גרויסע שטח פון דעם אלגעמיינעם פראיעקט.
- **די ווילעדזש אָוו העמפסטעד** איז געשאנקען געווארן 3 מיליאן דאלאר צו שטיצן די צעווארפונג פון אן עקזיסטירנדע פארלאזטע און נישט אויסגענוצטע 378,900 סקווער-פיסיגע פארקינג סטרוקטור. די איבערבויאונג וועט אריינרעכענען דאס שאפן 336 אפארטמענטס פאר געהעריגע ראטעס און ערזעצנדע פארקינג פלעצער, אויפטרייבנדיג עקאנאמישע אקטיוויטעט אין די שטאט-צענטער פון העמפסטעד דרום פון Jackson Street.

**דער מיד-האדסאן ראיאן** איז צוגעטיילט געווארן 6 מיליאן דאלאר צו שטיצן זעקס פראיעקטן, אריינרעכענענדיג:

- **די סיטי אָוו ביקאן** איז געשאנקען געווארן 1 מיליאן דאלאר צו שטיצן די טראנספארמאציע פון א פארנאכלעסיגטע געוועזענע קאר גאראזש וואס געפונט זיך גלייך נעבן Main Street. GarageWORKS Studios וועט שאפן א לעבהאפטיגע פלאץ פאר די קאמיוניטי, אריינגעמנדיג ארטיסט סטודיאוס און פלעצער פאר קאמיוניטי פראגראמען און געשעענישן, און אזוי אויך עפנטליכע דרויסנדיגע פלאץ פאר קאמיוניטי צוזאמקומען און פאר עפנטליכע קונסט אינסטאלאציעס.
- **די סיטי אָוו פארט דזשערוויס** איז געשאנקען געווארן 1.775 מיליאן דאלאר צו אראפווארפן און איבערבויען א 22,563 סקווער-פיסיגע דריי-שטאקיגע ציגלנדע געביידע אין פריוואטע אייגנטום וואס איז אויסגעליידיגט געווארן פון אינעווייניג אויף 29 Front Street. די סטרוקטור וואס איז געבויט געווארן ארום 1910 געפונט זיך אינערהאלב די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט און אין די געגנט אויף וועלכע די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו קאנצענטרירט זיך, און עס איז שוין

אין צו חרוב צו קענען איבערגעבויט ווערן. די פלאן איז עס צו איבערבויען מיט א נייע, ארכיטעקטוריש-איינהייטיגע, ענערגיע שפארנדע אינסולירטע צעמענטענע צורה, שאפנדיג א זיבן-שטאקיגע געביידע מיט אויסגעמישטע צוועקן מיט פלאץ פאר ביזנעסער אויף די ערשטע שטאק, מיט 28 איין-שלאף צימערדיגע און פיר צוויי-שלאף צימערדיגע רענטעל יוניטס פון אויבן.

**די מאוהאק וואלי** איז געשאנקען געווארן 6 מיליאן דאלאר צו שטיצן פיר פראיעקטן, אריינרעכנענדיג:

- **די סיטי אָוו ראָם** איז געשאנקען געווארן 1.9 מיליאן דאלאר צו שטיצן די איבערבויאונג פון א 26,000 סקוועיר-פיסיגע ליידיגע אינדוסטריאלע געביידע אויף Railroad Street און Harbor Way, עס טראנספארמירנדיג צו ווערן א לעבהאפטיגע וואסער ברעג לאקאציע וואס נוצט אויס דעם ראיאן'ס וואקסנדע טוריזם אינדוסטריע מיט א ברייערײ און אונטערהאלטונג זאל. ווען עס וועט פארענדיגט ווערן, וועט די געביידע אפפערן דריי דיסטינקטיווע טיילן: א נאענט צו 7,000 סקוועיר-פיסיגע ברייעריי, א רחבות'דיגע 16,500 סקוועיר-פיסיגע טייל פאר אינדוסטריאלע באנוץ/אונטערהאלטונג און 3,000 סקוועיר-פיס צוגעטיילט פאר די אויפהאלטונג פון די געביידע, צוזאמען מיט אן ארט סטודיאו פאר פילם/שעפערישע דעזיין.
- **די סיטי אָוו יוטיקע** איז געשאנקען געווארן 2 מיליאן דאלאר צו שטיצן די איבערבויאונג פון די פינף-שטאקיגע Cronk געביידע אויף Hotel Street וואס איז איבערגעבויט געווארן אין 1920 און שטייט ליידיג זינט די פריע 2000'ס. די דעוועלאפמענט מאנשאפט פלאנירט א פראיעקט פאר אויסגעמישטע צוועקן, אריינרעכנענדיג 30 אפארטמענטס, פלאץ פאר ריטעיל געשעפטן/ביזנעסער אויף די אונטערשטע שטאק און אויפן-ארטיגע פארקינג.

**די נארט קאָנטרי** איז געשאנקען געווארן מער פון 6.1 מיליאן דאלאר צו שטיצן פינף פראיעקטן, אריינרעכנענדיג:

- **די ווילעדזש אָוו מעסינע** איז געשאנקען געווארן 2 מיליאן דאלאר צו שטיצן די אויפרעכטונג פון די ליידיגע און חרוב'ע 14,000 סקוועיר-פיסיגע Schine טעאטער אויף Main Street צו ווערן א שטאט-צענטער טעאטער און געשעעניש צענטער פאר מערערע באנוצן. די פלענער רעכענען אריין בויגזאמע זיצן פאר פילמס, קאנצערטן און פארשטעלונגען, און קאנפערענץ פרעזענטאציעס, זיצן ביי טישן פאר שויס, חתונות און פארטיס מיט עסנווארג און טאנצן און פאטענציאלע פלאץ פאר אויסשטעלונגען און ביזנעס עקספאוס.
- **די ווילעדזש אָוו טאָפער לעיק** איז געשאנקען געווארן $800,000 צו אויפבויען א נייע אפארטמענט געביידע פון ניין יוניטס, ערזעצנדיג אן עקזיסטירנדע ליידיגע אפארטמענט געביידע אויף 179 Park Street וואס איז ארויסגענומען געווארן פון באנוץ. א ליידיגע איינצלנע פאמיליע היים אויף די דערנעבנדע לאַט אויף 185 Park Street וועט אויך איבערגעבויט ווערן.

**די סאוטערן טיער** איז געשאנקען געווארן מער פון 6 מיליאן דאלאר צו שטיצן פינף פראיעקטן, אריינרעכנענדיג:

- **די סיטי אָוו איטעקע** איז געשאנקען געווארן 1.89 מיליאן דאלאר צו שטיצן די אראפווארפונג און איבערבויאונג פון דריי פראפערטיס איינע נעבן די אנדערע און צו אויפבויען א וואוינונג אפארטמענט געביידע. דער פראיעקט ווען צעווארפן צוויי ליידיגע קאמערציעלע געביידעס מיט א סך הכל פון 7,900 סקוועיר פיס און איבערבויען אן אפארטמענט געביידע מיט 24 וואוינונג יוניטס. די איבערגעבויטע פיר-שטאקיגע געביידע וועט זיין אומגעפער 29,000 סקוועיר פיס

גרויס און אנטהאלטן דריי שטאק פון האוזינג העכערע א פארמאכטע פארקינג לאט אויף די אונטערשטע שטאק.

- **די ווילעדזש אָוו ווײַלענד** איז געשאנקען געווארן מער פון 1.2 מיליאן דאלאר פאר באמיאונגען צו אראפווארפן פראפערטיס אויף Main Street וועלכע זענען חרוב געמאכט געווארן דורך א פייער אין 2022. די געלטער וועלן ארויסהעלפן די פראפערטי אייגנטומער/דעוועלאפער וועלכער פלאנירט צו אויפבויען 14,000 סקווער פיס פון שטח פאר אויסגעמישטע צוועקן, אריינרעכענענדיג א לייסענסירטע דעי קעיר פלאץ, א קאווע הויז, רעסטוראנט און אכט וואוינונג יוניטס אויף די אויבערשטע שטאקן.

**מערב ניו יארק** איז געשאנקען געווארן 6 מיליאן דאלאר צו שטיצן פינף פראיעקטן, אריינרעכענענדיג:

- **ערי קאונטי** איז געשאנקען געווארן 1 מיליאן דאלאר צו שטיצן די נייע Evergreen Health איינריכטונג וואס וועט געבויט ווערן אויף א טיילוויז-צעווארפענע לאקאציע אויף Kensington Avenue און וואס וועט זיין דריי שטאק און אומגעפער 40,000 סקווער פיס. עס וועט אויסברייטערן עקזיסטירנדע פאמיליע מעדיצין, אויפפירונג געזונטהייט און ספעציאליזירטע העלט קעיר סערוויסעס, און עס וועט צולייגן א פארמאסי און קעיר קאארדינאציע סערוויסעס וועלכע האבן ביידע א הויכע פארלאנג אין א געגנט אין באפעלאו וואס איז אנערקענט אלס א געגנט מיט נישט גענוג מעדיצינישע סערוויסעס.
- **ניאגרא קאונטי** איז געשאנקען געווארן 1.5 מיליאן דאלאר פאר פארבעסערונגען צו די One Niagara געביידע, וואס איז די ערשטע זאך וואס באזיכער זעהען פון די רעינבאָו בריק גרעניץ אזוי ווי זיי קומען אריין אין ניאגרא פאָלס. די קאונטי פלאנירט צו אינוועסטירן אין פענסטערס פאר די ניין-שטאקיגע געביידע, און די זעקס ליידיגע שטאק פון די געביידע קענען דאן זיין גרייט פאר די קומענדיגע פאזע פון דעוועלאפמענט וואס וועט אריינרעכענען אונטערהאלטונג, מאטעלן, עסנווארג און גאסטגעבונג.

די קומענדיגע רונדע פון דעם 'ברענג צוריק ניו יארק' פראגראם וועט זיך עפענען דעם זומער.

די גרענטס ערגענצן גאווערנער האקול'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג חזון דורכן מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט וואס וועקן אויף די עקאנאמיע און שאפן מער געלעגנהייטן פאר ניו יארקער. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 אינוועסטירט נאך 50 מיליאן דאלאר אין 'ברענג צוריק ניו יארק', און אזוי אויך 100 מיליאן דאלאר פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative) און 100 מיליאן דאלאר פאר 'ניו יארק אויף פאראויס' (NY Forward). די פראגראמען העלפן לאקאלע רעגירונגען שטופן פאר א בעסערע קוואליטעט פון לעבן, פלעגן געזעלשאפטליך-עקאנאמישע אנטוויקלונג און שאפן פיסגייער-פריינטליכע, וואוינבארע און זיכערערע געגנטער אין יעדע ווינקל פון די סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן